# צום פינטל

גליון יח
פרשת כי תשא תשפ"ג
משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה-מועדים

### משנכנס אדר מרבים בשמחה

#### ◆ 'מרבין' מער און מער

'משנכנס אדר מרבין בשמחה', ווען ס'קומט אריין חודש אדר, גלייך הייבט מען אן מרבה צו זיין מער און מער בשמחה, ווי די משמעות הלשון פון 'מרבין בשמחה' אז מ'גייט מער און מער, מ'פאנגט אהן צוביסלעך, און מ'האלט און איין ארויף גיין העכער און העכער, ביז מ'קומט אהן צו פורים אליינס, צו די קלימאקס פון שמחה, ווען די שמחה גייט איבער אלע גרעניצן.

שטייט אין גמרא (תענית כ"ט) 'כשם שמשנכנס אב ממעטין בשמחה, כך משנכנס אדר מרבין בשמחה', די לשון 'ממעטין' איז אביסל די משמעות אז מ'האלט און איין אראפגיין, אזוי ווי 'מרבין' מיינט לכאורה אז מ'האלט און איין ארויפגיין, אזוי איז 'ממעטין' אז מ'האלט און איין אראפגיין.

און אזוי איז עס טאקע די מנהגי אבילות אין חודש אב, וועלכע פאנגען זיך נאך אהן פריער פון 'שבעה עשר בתמוז', און דערנאך איז מען ממשיך אין חודש אב, דערנאך קומט די וואך פון תשעה באב וואס איז אסאך הארבער, דערנאך קומט ערב תשעה באב, בפרט ערב תשעה באב נאך חצות, וואס אסאך זאכן זענען שוין מדינא אסור, דערנאך קומט מען צום טיפסטען נקודה פון 'אבילות', אין תשעה באב אליינס.

#### ◆ א גאנץ יאר איז מען נורמאל

די וועלט זאגט אז 'משנכנס אדר' איז מען 'מרבה בשמחה', און ס'שטייט נישט אז מ'זאל סטאפן, ממילא קען מען ממשיך זיין די שמחה ביז חודש אב, און די זעלבע זאך ביי חודש אב ווען מ'איז 'ממעטין בשמחה', שטייט נישט אז מ'זאל זיך אפשטעלן, ווייל ס'איז נמשך ביז חודש אדר, וואס דעמאלטס פאנגט מען אהן צוריק מרבה צו זיין.

אבער בפשטות איז מען א גאנץ יאר אין די נורמאלע דרגא, מ'איז נישט צו טרויעריג און נישט צו פרייליך, וואס ווערט אנגערופן אין אונזער שפראך 'נורמאל', נאר ווען ס'קומט חודש אדר פאנגט מען אהן זיך ארויסצורייסן פון 'נורמאל', מען איז 'מרבה בשמחה', מ'פאנגט אהן במיוחד זיך צו עפענען, און די זעלבע איז מיט 'חודש אב', אז מען פאנגט אהן במיוחד זיך צו פארמאכן, מ'איז במיוחד 'ממעט' בשמחה.

קומט אויס אז אין 'חודש אדר' פאנגט מען אהן פון 'נורמאל' און מ'גייט צוביסלך ארויף ביז פורים, וואס דאן איז די קלימאקס פונעם שמחה, און אין חודש אב פאנגט מען אהן פון 'נורמאל' און מ'גייט צוביסלעך מער און מער אראפ ביז תשעה באב, וואס דאן איז די קלימאקס פונעם אבילות.

**א גאנץ יאר איז דער מענטש אינדערמיט, נישט צו פרייליך און נישט צו טרויעריג, נישט צו שטארק אפען און נישט צו שטארק פארמאכט, אבער אין חודש אדר און אין חודש אב, גייט מען צו די קצוות**

אבער דאס איז נאר ביז 'פורים', ווייל גלייך נאך 'פורים' פאנגט מען אהן צוביסלעך צוריק אראפצוגיין, מען פאנגט אהן צוריק צו קומען צו נארמאל. די גאנצע חודש איז טאקע מיוחד פאר שמחה, מ'איז נאך גוט פרייליך, ס'איז דאך יעצט געווען פורים, מ'איז קוים געווען ביים שפיץ, אבער למעשה פאנגט מען שוין אהן צוריק אראפצוקומען, מען פאנגט אהן צוביסלעך צוריק צוקומען צו 'נורמאל'.

די זעלבע ביי חודש אב, חודש אב איז מען 'ממעטין בשמחה', מ'ווערט מער און מער טרויעריג ביז תשעה באב, און דאן תשעה באב ביי חצות, פאנגט מען אהן זיך צוריק מחזק צו זיין, מ'איז זיך מתנחם מיט ביאת המשיח, מ'נעמט אביסל צוזאם די הויז און די בגדים וכו', מ'פאנגט זיך אהן צוגרייטן צוריק צו 'נורמאל'. און בפרט ווען ס'קומט 'חמשה עשר באב', וואס מ'איז שוין אריבער צום צווייטן האלב חודש, צו די בעסערע טעג.

ס'איז דא וואס זענען מדייק די לשון 'משנכנס' אז ביי די מולד זאל מען שוין אנפאנגען, ווי די לשון 'משנכנס', גלייך ביים 'כניסה', גלייך זאל מען שוין אנפאנגען ארויפצוגיין מיט שמחה. און ווי ס'קומט אויס אז מ'גייט ממש מיט מיט'ן לבנה, די לבנה גייט ארויף פון אנפאנג חודש העכער און העכער, ביז פורים וואס דעמאלטס איז די שפיץ, און דערנאך, נאך פורים, קומט מען צוריק צוביסלעך צו נורמאל, מיט גייענדיג מיט'ן לבנה וואס גייט אויפן וועג אראפ.

#### ◆ אפנקייט ברענגט שמחה

שמחה קומט דורעך אפענקייט, ווי מער אפען מ'איז, איז מען מער פריילעך, און די זעלבע, 'אבילות' קומט דורעך פארמאכטקייט, ווי מער פארמאכט מען איז, איז מען מער טרויעריג. אזוי ווי מ'זעהט בחוש ביים טאנצן, אז צוויי מענטשן קענען טאנצן צוזאמען, נאר אויב זיי זענען אפען איינער צום צווייטן, ווי מער אפען מ'איז, קען מען בעסער טאנצן, און די זעלבע זאך פארקערט, 'אבילות' ארבעט בעסער ווי מער בבדידות, ווי מער פארמאכט מ'איז.

א גאנץ יאר איז דער מענטש אינדערמיט, נישט צו פרייליך און נישט צו טרויעריג, נישט צו שטארק אפען און נישט צו שטארק פארמאכט, אבער אין חודש אדר און אין חודש אב, גייט מען צו די קצוות, און חודש אדר גייט מען אינגאנצען צו די עק פון שמחה, און אין חודש אב גייט מען אינגאנצען צו די עק פון אבילות. און חודש אדר איז מען מרבה בשמחה 'עד דלא ידע', די גרעסטע דרגא פון אפענקייט וואס איז שייך, אהן קיין שום הגבלות (יעדער שיטה אין 'עד דלא ידע' לשיטתו), און אין חודש אב איז מען ממעט בשמחה אויף די גרעסטע דרגא, ממש 'כאילו מתו מוטל לפניו'.

שמחה און אבילות גייט צוביסלעך, מען קען נישט אנקומען צו די שפיץ פון שמחה – צו די שפיץ פון אפענקייט - מיט איין שיס, אזוי אויך קען מען נישט אראפ פאלן צו 'אבילות' – זיך פארמאכן אינגאנצן - מיט איין קנאק, און וועגען דעם לערנען אונז די חז"ל אז ס'דארף צוגיין אויף א אופן פון 'מרבין' און 'ממעטין', וואס באדייט אז

מ'דארף עס טוהן צוביסלך.

ס'קען זיין אז ווען ס'איז מתו מוטל לפניו' ממש ל"ע, דאן פאלט מען יא אראפ אויף איין מאל, אבער ביי 'אבילות ישנה' מוז עס גיין צוביסלעך, אנגעפאנגען פון תחילת החודש מוז מען יעדן טאג 'ממעט' זיין אין שמחה, וואס יעדן טאג וואס גייט פאריבער אין א מצב פון 'אבילות' ווערט מען צוביסלעך מער און מער פארמאכט, ס'קומט די וואך פון תשעה באב, ערב תשעה באב, נאך חצות, ביז די סעודת המפסקת וואס מען עסט שוין אינגאנצן אליין, און דערנאך תשעה באב זעלבסט.

איז די זעלבע זאך איז אויך ביי 'שמחה ישנה', אז ס'מוז גיין צוביסלך, פון תחילת החודש איז מען יעדן טאג פריילך, יעדן טאג אביסל מער אפען ווי 'נורמאל', וואס אויטאמאטיש מיט יעדן טאג וואס גייט אריבער, ווערט מען מער און מער אפענער, מער און מער פריילעכער, פון תחילת החודש איז מען 'מרבה' יעדן טאג מער און מער.

מיט דעם פארשטייט מען פארוואס דווקא די דאזיגע צוויי חדשים, גייט עס צו אויף אזא סארט אופן אז מ'פאנגט אהן פון תחילת החודש, א זאך וואס מ'טרעפט נישט ביי אנדערע ימים טובים. נאר פשט איז ווייל נאר ווען ס'קומט צו שמחה אדער אבילות, דארטן מוז עס צוגיין צוביסלעך, דארטן מוז מען אנפאנגען פון תחילת החודש און גיין צוביסלעך מער און מער.

### ◆ והחודש אשר נהפך מיגון לשמחה

שטייט אין פסוק 'והחודש אשר נהפך להם מיגון לשמחה', די קונץ איז צו נעמען די שווערקייטן און עס איבער דרייען, מאכן פון די 'יגון ואנחה' שמחה, דורעך 'יתרון האור מן החושך', אז מ'פארשטייט אז די שמחה קומט ארויס דוקא פון די שווערקייטן.

ווי לדוגמא זיין א 'שמח בחלקו' איז נאר שייך ווען א מענטש איז געבלאקט, ער האט נישט וואס ער וויל, דאן קומט אים צוזאגען זיי א 'שמח בחלקך', פריי דיך מיט וואס די האסט, און נאר דאן איז דא בכלל די גאנצע הרגשה פון א שמחה בחלקו. און אזוי אויך איז ביי יעדע סארט שמחה, יעדע סארט שמחה קומט נאר נאך א שוועריקייט, ווי למשל חתונה מאכן א קינד, דוקא די מורא'דיגע מיטשעניש אויפצוציען דעם קינד אלע יארן, דייקא דאס וואס ברענגט ארויס די שמחה ביים חתונה, און אזוי איז ביי יעדע סארט שמחה וואס מ'קען נישט אלץ מאריך זיין דא.

און אזוי איז געווען מיט די יודען ביים נס פורים, אז די יידן זענען געווען אין גאר א גרויסע צער, אין גזירת כליה ל"ע, און נאכן ביטול הגזירה איז די שמחה געווארן גאר גרויס, וואס דאס טייטש אז דוקא די גרויסע 'יגון ואנחה', האט געברענגט אזא גרויסע שמחה ווי שמחת פורים. און דאס קען זיין די טעם פון די מנהג פון תענית אסתר, וואס ווערט נישט אזוי קלאר דערמאנט אין גמרא (עי' רא"ש תחילת מסכת ברכות), אז כדי מ'זאל קענען ריכטיג אריינקומען אין שמחת פורים, איז בהכרח צו פאסטן פארדעם, כדי אזוי זאל מען קענען פורים פילען דעם 'יתרון האור מן החושך'.

און ס'איז פשוט אזוי אז שמחה איז נאר נאך א שווערקייט, ווייל 'שמחה' קומט דאך נאר פון דעם וואס מ'עפענט זיך, איז אויב מ'האט געהאט א שווערקייט, מ'איז געווען פארמאכט, דאן איז שייך צו זאגען אז מ'עפענט זיך, אבער אויב מ'איז נישט געווען פארמאכט, איז נישט שייך די ענין פון 'עפענען'.

### ◆ שמחה און אפענקייט

און פארשטייט זיך אז די עיקר פלאץ זיך צו עפענען איז מיט אנדערע יודען, חברים און ידידים וואס מ'קען זיך מיט זיי עפענען און ווערן בשמחה, ווי מ'זעהט ביי אסאך ערליכע יידן וואס האבן זיך געהאלטן שטארק אין אלע שווערע מצבים, און די שורש וואס האט זיי געהאלטן איז געווען דורעכן לעבן אין די שטיבלער, לעבנדיג מיט חברים און ידידים מיט א חסידישע געשמאק און טעם, אמונה און בטחון אליינס איז זייער גוט, אבער ס'האט נישט די כח השמחה אזוי שטארק, אבער באלעבן די אמונה און בטחון מיט חבירים און ידידים, דאס ברענגט שטארק ארויס די כח השמחה, דורעך די אפענקייט וואס ווערט.

פורים איז גאר א שטארקע צייט פון אפענקייט, ווייל אויב די דרגא פון שמחה איז אויפן העכסטן, איז אויטאמטיש די דרגא פון אפענקייט אויך אויפן העכסטן אופן, און מ'קען טאקע אויסנוצן די גרויסע צייט אויף זאכן וואס דארפן זיך עפענען, ווי למשל אוועק צו נעמען צער און ראבערייען צווישן חברים און ידידים, א צייט וואס די נפשות זענען אפען, ווערט שוין ממילא אלעס ארום אויך אפען, איז ממילא א גרינגע צייט זיך צו עפענען און זיך איבער בעטן.

און ווי ס'איז באקאנט איז דאס געווארן אביסל איינגעפירט אין די לעצטערע יארן, די מנהג פון 5:45, מ'בעהט זיך איבער פורים איינער מיטן צווייטן. און דאס איז אויך די ענין פון תשובה אין פורים, ווייל פשוט אויב די נפשות זענען אפען, איז עס ממילא שוין אפען אויך צו תשובה, צו מאכן שלום מיט'ן אייבירשטן כביכול. אזוי ווי מ'זעהט ביי א חתונה אז ס'איז דא אסאך השפעות, ווייל די צוויי משפחות עפענען זיך איינעם צום צווייטן, וואס דאס עפענט אלעט טויערן פון הימל. איז כל שכן פורים וואס איז די שפיץ פון שמחה, 'עד דלא ידע' א אפענקייט ביז למעלה מן הגבול, אז ס'ברענגט שוין מיט מיט זיך אלע סארט אפענקייט.

### ◆ שיכור'ן פורים

ס'איז באקאנט די שיטות וועגן שיכור'ן פורים, די מחבר מיט די רמ"א, ס'קען זיין מ'קען זאגען א פשרה צווישען זיי, אז ס'ווענט זיך ווי טרויעריג די מענטש איז א גאנץ יאר, אויב א גאנץ יאר גייט אים די לעבן גוט, ער איז פרייליך אויפגעראמט און צופרידן, א גאנץ יאר איז ער א מצב פון 'נורמאל', דאן ווען ס'קומט פורים איז אים גענוג צו טרינקען 'יותר מלימודו', אזוי ווי די שיטה פון די הייליגע רמ"א, אבער איינער וואס א גאנץ יאר איז ער מער צו די טרויעריגע זייט, אזא איינער דארף פורים יא טרינקען 'עד דלא ידע ממש' ווי די שיטת המחבר.

ווייל די אפענקייט פורים דארף גיין לפי זיין 'נורמאלקייט', לפי זיין אייגענע פארמאכטקייט א גאנץ יאר, אויב א גאנץ יאר איז ער זייער פארמאכט, דאן דארף ער אסאך מער האבן די כח היין זאל אים ארויס שלעפן. אזוי ווי מ'זעהט ליידער בחוש ביי 'מרי נפש', וואס פאלען נעבעך אריין אין דראגס וכדומה, וואס דאס הייסט אז לפי זייער פארמאכטקייט, דארפן זיי א מורא'דיגע שטארקע אפענקייט. און די זעלבע מיט ווין פורים, איינער וואס א גאנץ יאר איז ער זייער פארמאכט קען מען אים מער מקיל זיין ווי די שיטת המחבר צו קענען פאסטן.

א גוטע משל אויף דעם איז פון סאלדאטן נאך א מלחמה, וואס זיי פאלן אריין אין א מורא'דיגע הוללת, ווייל לפי זייער געפערליכע פחדים וואס זיי האבן געהאט אויפן פראנט, אנטקעגן דעם דארפן זיי אזא הוללת ארויסצוגיין, אנטקעגן די געפערליכע 'טראמע' וואס זיי האבן געהאט טאג טעגליך, אנטקעגן דעם דארפן זיי יעצט א מורא'דיגע כח ארויס צו גיין.

די זעלבע זאך – להבדיל אלף אלפי הבדלות – איז טרינקען אסאך ווין פורים, וואס דאס קומט אנטקעגן די געפערליכע גזירה וואס האט געהאנגען אויף די קעפ פון די יידן, די יידען זענען געווען זייער ענק און טייט, א געפערליכע צרה, איז ווען זיי האבן זוכה געווען מנצח צו זיין די גוים, זענען זיי געווארן פיל מיט שמחה, א שמחה פון הוללת דקדושה, שכרות הנצחון דקדושה.

# לומדים את רבי חיים

**תלמידי חכמים קשים כברזל**

## • תלמיד חכם שאינו קשה כברזל

די גמרא זאגט אין מסכת תענית (דף ד ע"א) אז א תלמיד חכם וואס איז נישט הארט ווי אייזען, איז נישט קיין תלמיד חכם, ווייל ס'שטייט אין פסוק 'וכפטיש יפוצץ סלע', א תלמיד חכם איז ווי א 'פטיש', ווי א האמיר, אויך שטייט 'ארץ אשר אבניה ברזל', 'אבניה' מיינט מען 'בוניה', וואס דאס זענען די תלמידי חכמים, די בונים פון כלל ישראל, זיי זענען ווי אייזען, ווי 'ברזל'. און די גמרא פירט אויס אז פונדעסטוועגן, איז גוט אז א מענטש זאל זיך צוגעווינען צו רואיגקייט, 'למילף נפשיה בניחותא'. דארף מען פארשטיין, למעשה, זאל מען זיין קשה כברזל, אדער נישט.

ויש לומר אז די מהות פון דער תלמיד חכם זעלבסט איז 'קשה כברזל', וויבאלד ער איז א 'בונה' פון כלל ישראל, און א 'בנאי', א בויער, קומט בטבע מיט א געוויסע הארטקייט און שטארקייט, ער דארף א הארטקייט ביים שניידען די העלציר, א שטארקייט ביים האקען די נעגיל וכו', איז ממילא א תלמיד חכם מצד זיין מהות קומט ער אריין שטארק, זאגט אבער די גמרא אז אף על פי כן איז גוט פארן תלמיד חכם זיך מרגיל צו זיין פארקערט, 'למילף נפשיה בניחותא', כדי ער זאל זיך אויסארבעטן זיינע מידות.

כעין ווי מ'וואלט געזאגט פאר א 'בנאי', א בויער, א גאנצע טאג ביסטו ביי די ארבעט, דיין דזשאב איז צו זיין שטארק און פעסט, צו האקן און זעצן, אבער אף על פי כן דא און דארט זעה זיך מרגיל צו זיין צו רואיגקייט, ווי למשל ווען די קומסט אהיים אין שטוב וכדומה, פארגעס אביסל פון דיין פעסטקייט, און זיי דיך מרגיל צו רואיגקייט און מידות טובות. אזוי אויך א תלמיד חכם, זיין עיקר זאך איז טאקע צו זיין שטארק און פעסט אין תורה, אבער אף על פי כן איז גוט ער זאל זיך מרגיל זיין אויף פארקערט, ער זאל זיך מרגיל זיין אין מידות טובות.

## • יענעמס גשמיות איז די אייגענע רוחניות

און די משמעות הגמרא איז, אז דאס איז נישט לצורך אנדערע מענטשן, נאר פאר די טובה פון דער תלמיד חכם זעלבסט, ס'איז פאר זיין טובה וועגן זיך מרגיל צו זיין אין רואיגקייט, 'למילף נפשיה בניחותא', זיין אייגענע נפש זאל ווערן מורגל אין רואיגקייט. ווי די וועלט זאגט יענעמס גשמיות איז די אייגענע רוחניות, זיך איינצוגעוואוינען צו רואיגקייט מיט אנדערע, איז נישט פאר זייער טובה, נאר פאר די אייגענע טובה, פאר די טובה פון די מענטש זעלבסט זיך אויסצוארבעטן די מידות. און דאס איז אלע מצוות התורה ש'בין אדם לחבירו', אז מ'איז פארנומען טאג און נאכט, ס'זאל זיין גוט פאר יענעם בגשמיות, ווי די מצוות פון 'צדקה' און 'גמילת חסדים' וכדומה.

א תלמיד חכם, א רב און משפיע אין שטאט, דארף צומאל זיין שארף, ער דארף מוסר'ן די מענטשן פון זיין שטאט, אבער פון די אנדערע זייט טאר ער נישט פארגעסן פון זיך, פון זיין אייגענע נפש, 'למילף נפשיה' בניחותא'. קען זיין אז פאר זייער טובה וועגען איז בעסער צומאל צו מוסר'ן, אבער פאר זיך, פאר די אייגענע טובה וועגען, איז אמאל בעסער צו ארבעטן אויף די מידות, און סובל זיין יענעמס דרגא כמו שהיא.

**רבינו זצ"ל אליינס, האט כמעט קיינמאל נישט מקפיד געווען אויף קיין מענטשן, ער האט נישט געהאט די צוגאנג בכלל פון קפידא, ווייל אפילו ער איז געווען 'קשה כברזל' מיט זיינע זאכן, פאר יענעם האט ער נישט געהאט קיין שום קפידות. אויך איז אינטערעסאנט אז ער האט זיך קיינמאל נישט ג'טענט, ער האט געזאגט וואס ער האלט מיט א שטארקייט, 'קשה כברזל', אבער ניט מיט קיין טענ'ריי און וויכוחים.**

און דאס האט מען געזען ביי אלע גרויסע יידען, און בפרט ביי חסיד'ישע רעבי'ס, וואס זיי זענען געווען פארנומען טאג און נאכט אז ס'זאל יענעם זיין גוט בגשמיות, ברבים האט מען טאקע געזאגט מוסר, ברבים האט מען געמאנט זיך פורש צו זיין פון גשמיות'דיגע ענינים, אבער פנים אל פנים האט מען מער געארבעט צו סובל צו זיין יענעם אין זיין פלאץ, זיך אראפצולאזן צו מאכן יענעם געשמאק און באקוועם אין זיין פלאץ, אין זיין מדריגה. ווייל דאס איז א יסוד עיקרי אין עבודת ה', אז יענעמס גשמיות איז די אייגינע רוחניות.

און דאס איז פשט, א תלמיד חכם דארף טאקע זיין 'קשה כברזל', דאס איז זיין מהות, דאס איז די מהות פון א תלמיד חכם, אבער פאר יענעם דארף ער זיין 'למילף נפשיה בניחותה', פאר אנדערע דארף מען מוותר זיין אהן א שיעור, ווי זיי ברענגען א לשון פון די הייליגע סטייפלער זצ"ל, די טאטע פון ר' חיים, אז מען דארף מוותר זיין, און מוותר זיין, און מוותר זיין, וואס מיט זיין זיסע לשון האט ער געמיינט צו מרמז זיין, ווי סאך מ'דארף אלץ מוותר זיין (וכפי שלימדו בנבהרדוק).

און דאס האט מען געזעהן ביי הגאון רבי חיים קנייבסקי זצ"ל, אז פון איין זייט איז ער געווען

מורא'דיג שטארק אין זיינע ענינים, א שטארקע מענטש, א 'תלמיד חכם קשה כברזל', פאר זיך האט ער זיך נישט געריסט, אבער פאר אנדערע איז ער געווען ווייעך ווי פיטער. ווי מ'פארציילט אז כמעט וואס ער האט נישט מקפיד געווען אויף אנדערע, אלעס איז געווען מיט א מורא'דיגע רכות און עדינות הלב, יעדען האט ער מקבל פנים געווען בסבר פנים יפות.

מיט זיך איז ער געווען שטארק, געמאנט און פארלאנגט, אבער פון אנדערע איז ער געווען 'למילף נפשיה בניחותא', האבן'דיג א אפענע טיר פאר כלל ישראל, ווי ער האט אפגעמאכט מיט זיין רעביצין ע"ה, אז די טיר פון שטוב זאל אלעמאל זיין אפען פאר יעדער יוד. געציילטע זאכן האט ער געהאט וואס ער האט געמאנט און פארלאנגט, ווי למשל א הענט זייגער, א בילד פון א חיה אויף די בגדים, וויין פאר הבדלה וכו', אבער דאס איז אויך צוגעגאנגען מיט א שמייכל און א געשמאק, שעצענדיג יעדעם איינעם כמו שהוא.

רבי חיים זצ"ל און זיין רעביצין האבן פאר זיך גארנישט געדארפט, א קעכיל ד' על ד', א טיש מיט בענקלעך, א ספרים שאנק וכו', אבער פאר יענעם אלעס, און ווי שטארק האט זיך געפילט אין די הייליגע שטוב אז 'יענעמס גשמיות איז די אייגענע רוחניות', א רוקטיגע דוגמא פון 'למילף נפשיה בניחותא'. אפילו פאר זיך דארף מען גארנישט, אבער פאר יענעם איז מען סובל פונקט פארקערט, אז יענער זאל אלעס האבן, ס'זאל יענעם גארנישט פעלן אפילו בגשמיות.

און דאס האט מען אויך געזעהן ביים הייליגען חזון איש, וואס ווי שטארק ער איז געווען מיט זיך, מיט זיינע זאכן, מיט זיינע ענינים, קראנט אין קלאר יעדע זאך, אבער פאר אנדערע איז די שטוב געווען אפען, פאר אנדערע איז ער געווען ווייעך, 'למילף נפשיה בניחותא', יעדעם אויפגענומען בסבר פנים יפות אויף א מדריגה וואס אונז קענען נישט משיג זיין.

- **קפידות**

רבי חיים פלעגט צומאל רעדען וועגן כבוד תלמיד חכמים און כבוד התורה, די מורא'דיגע הארבקייט פון מזלזל זיין ח"ו, ווי ער שרייבט אין זיין ספר אורחות יושר גאר שארפע לשונות אין דעם ענין, אז מ'טרעפט נישט קיין הארבערע זאך ווי די דאזיגע ענין פון כבוד תלמיד חכמים, וואס יעדער משהו פגם אין כבוד רבו איז חייב מיתה. און ער פלעגט צומאל פארציילן שארפע מעשיות אין די ענינים, ווי לדוגמא א שארפע מעשה מיט'ן זוהן פונעם חמדת שלמה, די קפידא פונעם חמדת שלמה, און די קפידא פונעם קאצקער, און רבי חיים פלעגט זיך אזוי צו'וויינען באטאנענדיג, ווי הארב איז די ענין פון כבוד חכמים, ווי הארב איז די ענין פון 'הזהרו בגחלתן שלא תכוה'.

ער האט פארציילט אז ביי די לוויה פונעם הייליגען חזו"א האט איינער זיך אנגערופן וואס ווערט מען דא מער מרוגש ווי ביי אנדערע, און צום סוף האט אים א עקרב געביסן און ער האט געדארפט גיין אין שפיטאל. אויך האט ער פארציילט אז מ'האט אמאל גע'גנב'ט א זייגער פונעם חזון איש, און דער הייליגער חזון איש האט שטארק מקפיד געווען, און מ'האט אים נאכדעם געטראפן נישט בין החיים.

אויך האט ער פארציילט בשם זיין טאטע דער סטייפלער זצ"ל אז האט געהאט צוויי בחורים חברים אין ישיבה וואס האבן אמאל מזלזל געווען אונעם הייליגן מהרש"א, און ס'האט זייער נישט געטויגט נאכדעם מיט זיי. אויך האט ער איבערגעזאגט בשם זיין שווער הרב אלישיב זצ"ל אז די סיבה צו די מחלה הידוע איז דאס וואס מ'איז נישט נזהר אין כבוד תלמידי חכמים.

אבער ס'אינטערסאנט אנצומערקן אז רבינו זצ"ל אליינס, האט כמעט קיינמאל נישט מקפיד געווען אויף קיין מענטשן, ער האט נישט געהאט די צוגאנג בכלל פון קפידא, ווייל אפילו ער איז געווען 'קשה כברזל' מיט זיינע זאכן, פאר יענעם האט ער נישט געהאט קיין שום קפידות.

אויך איז אינטערעסאנט אז ער האט זיך קיינמאל נישט ג'טענט, ער האט געזאגט וואס ער האלט מיט א שטארקייט, 'קשה כברזל', אבער ניט מיט קיין טענ'ריי און וויכוחים. אויך איז אינטערסאנט אנצומערקן זיין ווינדערליכע ווייכע שפארך ביים שרייבן, ווי 'יתכן' 'אולי' וכדומה, ווי ער זאגט אין זיין ספר 'דעת נוטה', אז די אלע בריוון וואס ער ענטפערט איז נאר א ענין פון 'דעת נוטה', ער זאגט נישט קיינמאל 'קבלו דעתי'. וואס פון דעם זעט מען אויך, אז כאטש ער איז געווען בטבע א 'קשה כברזל' ווי די טבע און מהות פון א תלמיד חכם, אבער כלפי אנדערע איז נישט דא קיין שום תכלית אין דעם, פאר אנדערע דארף מען זיין ווייעך.


## נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. 972-52-763-3424+